# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת בלק | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידא

**וכסה את עין הארץ:** דער הייליגער **תפארת שלמה** זאגט אז ער איז ידוע אז דער עיקר קדושה פון א איד ווענדט זיך ווי אזוי ער היט זיינע אויגן, ווי דער פסוק זאגט (בראשית ל"ח, כ"א) **איה הקדשה היא בעינים**, די קדושה ווענדט זיך ווי אזוי מ'גיט אכט אויף די אויגן אונטערוועגנס, וועגן דעם דארף א איד זייער שטארק אכטונג געבן אז ער זאל נישט קוקן וואו מ'טאר נישט קוקן.

דאס זאגט דער פסוק ביי אידישע קינדער **וכסה את עין הארץ**, בלעם האט געזעהן אז אידישע קינדער האבן צוגעדעקט די אויגן און זיי געבן אכטונג וואו זיי קוקן, אבער בלעם שטייט **נופל וגלוי עינים**, זיין נפילה איז געווען ווייל ער איז געגאנגען מיט אפענע אויגן און ער האט נישט אכטונג געגעבן וואו ער קוקט.

## דרש דרש

**אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור את פי ה' אלקי לעשות קטנה או גדולה:** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס ער זאגט קטנה או גדולה, אויב קען ער נישט טון קיין קליינע זאך קען ער אוודאי נישט טון קיין גרויסע זאך?

זאגט דער **רבי ר' זושא זצ"ל** אז עס איז ידוע אז דער שם הוי"ה בשלימות איז מידת הרחמים, אבער ווען עס איז נישט דער שם בשלימות, נאר דער שם י-ה אליין איז דאס דין, ביים שם אלקים איז פארקערט, ווייל דער שם אלקים בשלימות איז דין, אבער דער שם א-ל אליין איז רחמים.

די גמרא זאגט אז אין די טעג וואס בלעם האט געוואלט שעלטן די אידן האט זיך כביכול נישט געבייזערט, (עי' ברכות ז' ע"א) כדי די קללה פון דעם רשע זאל נישט קענען חל זיין.

דאס האט בלעם געזאגט **לא אוכל לעבור את פי ה' אלקי** די צוויי שמות ה' דאס איז הוי"ה, און **אלקי**, דאס איז **אלקים**, **לעשות קטנה** צו מאכן פונעם שם הוי"ה ב"ה וואס דאס איז רחמים א קליינע שם דאס איז י-ה, כדי עס זאל ווערן דין, **או גדולה** צו מאכן פונם שם א-ל אלקים, ווייל דער אייבערשטער וויל נישט אז ער זאל יעצט קענען שעלטן די אידן.

דאס האט בלעם געזאגט ה"ן **עם לבדד ישכון ובגוים ל"א יתחשב**, ווייל די צוויי ווערטער ה"ן און ל"א זענען בגימ' **אלקים**, און דאסווארט ה"ן איז בגי' נ"ה אזוי ווי די אותיות הי"ם פונעם שם אלקים, דאס זאגט דער פסוק הן, אותיות **הי"ם** וואס איז בגי' ה"ן, עם ווען עס איז נוגע צו אידישע קינדער **לבדד ישכון** בלייבט דאס עקסטער און עס בלייבט נאר די אותיות **הי"ם**, און די אותיות **א-ל** וואס איז א שם חסד, אבער ובגוים, ווען עס קומט צו די אומות העולם, **ל"א יתחשב**, רעכנט מען יא די אותיות ל"א און עס ווערט דער שם אלקים וואס דאס איז דין.

*

**לקב אובי לקחתיך והנה ברכת ברך:** מילת ברך מיותר.

ובנופת **צופים** הביא דיש שנ"ד ימים בשנה, וקל"ב ימים ימי רצון, ראש חודש, ושבת, ויום טוב, שאין אומרים בהם תחנון, נשאר רכ"ב ימים.

וזה שאמר בלק **לק"ב אויבי לקחתיך**, לקלל אפילו בימי רצון שעולה לק"ב, **והנה ברכת בר"ך**, אפילו רכ"ב ימים נתת בהם ברכה.

## מעשה רב

**פארוואס הייסט די סדרה נאך א גוי?**

**דער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער** זי"ע האט דערציילט אז איינמאל איז ער מיט זיין חבר געפארן צו זייער רבי'ן **הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע**, אינמיטן האט זיך אראפגעלאזט א שווערער רעגן און יעדע רגע איז דער רעגן געווארן אלס שטארקער ביז ווען זיי האבן דאס שוין ממש נישט אריבערגעטראגן פון די גרויסע פרעסטן.

מיט די לעצטע כוחות האט זיי געזוכט א הויז ווי אריינצוגיין ביז ווען זיי האבן ענדליך געטראפן א הויז וואו עס האט געוואוינט א גוי, דער גוי האט זיי זייער שיין אויפגענומען, און ער האט זיי געלאזט איבערשלאפן ביי זיך אין שטוב מיט גרויס כבוד.

אינדערפרי זענען זיי אוועקגעגאנגען פון דעם גוי אויפן וועג קיין קרעמניץ. אונטערוועגנס איז געווארן א וויכוח צווישן זיי, ווייל יענער האט גע'טענה'עט אז דער גוי איז אן ערליכער גוי, און רבי מאיר'ל האט גע'טענה'עט אז א גוי איז נישט ערליך, און עס איז געבליבן אז מען וועט פרעגן דעם רבי'ן ווער ס'איז גערעכט.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבי'ן, האט זיך דער רבי אנגערופן "מאיר, ברענג מיר א ראי' פון די תורה אז ער איז נישט קיין ערליכער גוי, האט ר' מאיר געזאגט אז ער האט א ראי' ווי עס שטייט אין מדרש **הלכה בידוע שעשו שונא ליעקב**, אויב אזוי קומט אויס אז א גוי וואס האט פיינט א איד און ער טשעפעט אים, ער איז אן ערליכער גוי, ווייל ער טוט ווי עס איז די "הלכה" אבער דער גוי וואס האט אונז מקרב געווען און געגעבן צו שלאפן אין זיין הויז ער איז א נישט ערליכער גוי ווייל ער גייט קעגן די הלכה.

## מילי דרמיזא

**ויעמוד מלאך ה׳ במשעול הכרמים:** זאגט דער עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע בשם הרב החסיד המקובל האמיתי מו״ה ארי׳ לייביש האבד״ק לאנצוט, אז במשע״ל איז ראשי תיבות ש׳כר מ׳צוה ב׳האי ע׳למא ל׳יכא, אז בלעם האט געוואלט אוועקנעמען די השפעות פון אידישע קינדער מיט די טענה פון שכר מצוה בהאי עלמא ליכא.

## בפרדס הפרשה

### סוף זמן קריאת שמע

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף י״ב ע״ב) **אמר ר׳ אבהו בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, ומפני מה לא קבעוה מפני טורח ציבור.** אז באמת האבן חז״ל געוואלט צושטעלן פרשת בלק צו פרשת קריאת שמע, אבער מפני טורח הציבור האט מען דאס נישט געטון.

פארוואס האבן זיי דאס געוואלט אריינלייגן אין קריאת שמע? צוליב דעם פסוק **הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא,** און ווי רש״י טייטשט דעם פסוק אז ווען אידישע קינדער שטייען אויף אינדערפרי פון שלאף לויפן זיי כאפן די מצוות, זיי טוען אן דעם טלית, ליינען קריאת שמע, און אנטון תפילין. פרעגט די גמ׳ זאל מען זאגן נאר דעם פסוק. ענטפערט די גמ׳ אז דארט ווי משה רבינו האט נישט אפגעטיילט קיין פרשיות טוען מיר דאס נישט אליין.

שרייבט דער **מהרש״א** אין חידושי אגדות מיט וואס זענען אידישע קינדער זענען צוגעגליכן ווי א לביא, בזה״ל ״דוודאי אין מי שיקום את הלביא אלא הוא קם מאליו בזריזות כך יש לו לאדם לעמוד מאליו בזריזות בזמן קריאת שמע של שחרית שלא יעבור זמנו. אז פונקט ווי דער לביא ווארט נישט אז מען זאל אים קומען וועקן נאר ער שטייט אליינס אויף מיט א זריזות אזוי דארף מען אליין אויפשטיין בזריזות אז מען זאל ח״ו נישט עובר זיין דעם זמן קריאת שמע.

דער **זוהר הק׳** זאגט די וואך (דף קפ״ו) ר׳ יצחק און ר׳ יודא זענען געגאנגען אויפן וועג און זיי זענען אנגעקומען צו א געוויסע פלאץ, אין שטוב פון די אלמנה פון ר׳ המנונא סבא און זיי זענען דארט איינגעשטאנען. זי האט געהאט א קליין קינד וואס איז געגאנגען אין חדר לערנען, יענעם טאג ווען ער איז אהיימגעקומען פון חדר און ער האט געזעהן די צוויי חכמים, האט אים די מאמע געזאגט ״גיי צו די גרויסע לייט אז זיי זאלן דיך בענטשן״ ער האט געוואלט צוגיין אבער ער האט זיך באלד צוריק געדרייט, און ער האט געזאגט פאר די מאמע אז ער וויל נישט צוגיין צו זיי, ווייל זיי האבן יענעם טאג נאכנישט געליינט קיין קריאת שמע, און מיר האבן געלערנט אז ווער עס ליינט נישט קיין קריאת שמע, איז יענעם גאנצן טאג בנידוי ר״ל. ווען די חכמים האבן געהערט זיינע רייד האבן זיי אויפגעהויבן זייערע הענט און אים געבענטשט, און זיי האבן געזאגט אז ער איז גערעכט, נאר זיי זענען יענעם טאג געווען פארנומען מיט מצוות הכנסת כלה וואס איז נישט געווען ווער עס זאל זיך זארגן פאר זיי, און זיי זענען געגאנגען נאך געלט, און די הלכה איז אז העוסק במצוה פטור מן המצוה. האבן זיי געפרעגט דאס קינד פון וואו האסטו געוואוסט אז מיר האבן נאכנישט געליינט קריאת שמע? האט ער געזאגט אז ער האט געשפירט אויפן גערוך פון זייערע קליידער.

אין ספר **מקדש מלך** (בפרשתן) שרייבט ער מיר האבן מקבל געווען פונעם רבי׳ן דער אריה״ק ז״ל אז ווען א מענטש שלאפט ביינאכט גייט אוועק פון אים זיין נשמה, און א רוח הטומאה קומט אויף זיין גוף, און ווען ער שטייט אויף אינדערפרי אפי׳ ווען ער לערנט גייט נישט אוועק די טומאה פון זיינע רמ״ח אברים ביז ווען ער וועט ליינען די רמ״ח ווערטער אין קריאת שמע, וואס יעדעס ווארט פון קר״ש נעמט אוועק דעם רוח הטומאה פון איין אבר. און ווער עס ליינט נישט קר״ש אין די צייט ווערט פון רמ״ח איבערגעדרייט אויף חר״ם, און זיין תורה און תפילה פון יענעם טאג ווערט נישט אנגענומען אין הימל.

דער **גר״א ז״ל** אין ספר **שערי רחמים** זאגט דארט זייער שארף קעגן די וואס זענען נישט נזהר אין ליינען קריאת שמע בזמנה וז״ל ״ומכאן תוכחת מגולה על המתאחרים לקראת קריאת שמע באומרם עוד היום גדול, וכך דרכן של היצר הרע היום אומר לו עשה כך וכו׳ ועבירה גוררת עבירה שאח״כ מרגילו היצר הרע לישון עד עבור זמן קריאת שמע, עד שמוציאו מן העולם כדאיתא במשנה במס׳ אבות דשינה של שחרית מוציאין את האדם מן העולם, דהיינו שישן עד שעובר עליו זמן קריאת שמע, ואולי זה היה שורש פורה ראש ולענה שפשתה כעת שכמה מבני אשכנז פרקו מהם עול התורה לגמרי כי כך דרכו של יצה״ר.

מורא׳דיגע ווערטער שטייט אין ספר **ארון העדות** ״אין די צייט דארפן מיר זיין זייער געווארענט צו ליינען קריאת שמע אין די צייט און מיט גרויס כונה מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים בשלימות ווייל די מצוה איז א שארפער שווערד אין אונזערע הענט אז די גוים זאלן נישט האבן קיין שליטה איבער אונז.

**טייערע תלמידים!**
**נאכדעם וואס איר זעהט די שארפע ווערטער פון זוהר הק׳ און די אנדערע ספה״ק ווי שרעקליך הארב עס איז דאס ענין פון עובר זמן אויפן זמן קריאת שמע, זייט דאס מקבל אויף אייך און נעמט דאס אן אין הארצן כיתד שלא תימוט אז עס זאל בשום אופן נישט קענען פאסירן אז מען זאל פארשלאפן דעם זמן קריאת שמע, אפילו שב״ק, אפילו ווען מען לייגט זיך שפעט, גארנישט טוט נישט בארעכטיגן עובר צו זיין אזא הייליגע מצות עשה מן התורה, און די שרעקליכע עונשים וואס קומען דערויף! און גלייכצייטיג אריינכאפן די ברכות וואס שטייען אויף ווער עס ליינט קר״ש!**

---

האט דער רבי געזאגט אז רבי מאיר׳ל איז גערעכט!

האט רבי מאיר׳ל אויסגעפירט לכאורה איז שווער אין פארוואס האט מען געגעבן א נאמען פון פרשת בלק נאך א גוי א רשע?

נאר לכאורה דארף מען פארשטיין, בלק האט דאך געוואוסט אז דער אייבערשטער האט אנגעווארענט אידן אז מ׳טאר נישט טשעפענען מיט מואב, פארוואס האט ער נאך גערופן בלעם אז ער זאל שעלטן די אידן! מוז דאך זיין ווייל ער האט געוואלט מקיים זיין די הלכה בידוע, אויב אזוי איז דאך בלק געווען אן ערליכער גוי, וועגן דעם קומט זיך אים אז די סדרה זאל זיך אנהויבן מיט זיין נאמען.